שול־ביבליאטעק

№ 5



מ. ז. פייערבערג

ביינאכט

פאַרלאַג
„קולטור־ליגע"
וואַרשע.

איבערגעזעצט
און פאַרקירצט
פאַר קינדער
ב. סלוצקי.
צייכנונגען
פון יוסף טשאַיקאָוו.

צווייטע אויפלאַגע.

געדרוקט אין 3500 עקז.
וואַרשע, 1921.

M. FAJERBERG.—W NOCY, Wyd. „KULTUR-LIGE" Warszawa, 1921.

Druk. I. Hendlera, Warszawa, Długa 26.



אָלסט בּרענגען מיט זיך אַ חלבנע ליכט,— האָט דער רבּי מיר געזאָגט, בּעת איך בּין געגאַנגען עסן וואַרמעס, — פון היינט אָן הויבּן אָן אַלע חומש־יינגלעך צו לערנען בּיינאַכט. יעדער יינגל, וואָס לערנט חומש, דאַרף פון היינט אָן בּרענ־גען יעדע וואָך אַ ליכט. און לאַמטערנעס וואָלט איר אויך מיטבּרענגען מיט זיך, איר זאָלט קאָנען גיין בּיינאַכט אַהיים.

— היינט הויבּ איך אָן לערנען בּיינאַכט!—האָבּ איך בּיי זיך געטראַכט, גייענדיק עסן וואַרמעס, — כ'וועל קומען און זאָגן דער מאַמען, אַז איך בּין שוין אַ גרויסער, און מיינע שוועסטערלעך, בּריינדלען און שרהקען, וועל איך אויך זאָגן, אַז איך בּין שוין אַ גרויסער און וועל זיך מער ניט שפּילן מיט זיי אין צאַצקעס.

אַי, איז גוט צו זיין אַ גרויסער! איך געדענק — פאַראַ־יאָרן בּין איך נאָך געווען אַ קליינינקער, אַלע האָבּן מיך גע־האַלטן פאַר גאָר אַ קליינינקן: די יינגלעך, דער בּאַהעלפער, דער רבּי, אַלע... תּמיד האָבּ איך געהערט נאָר איין זאַך: הפּני איז נאָך קליין, חפּני איז נאָך אַ קליינער... אָבּער

איצט? איצט לערן איך חומש, היינט הויב איך אָן גיין אין חדר בייגאַכט, איצט בין איך שוין אַ גרויסער!

נאָכן מיטאָג בין איך געקומען צוריק אין חדר אַריין.

די בלאָטע אין דרויסן איז גרויס ביזן האַלז, דער הימל איז פאַרכמאַרעט, אַ דריבנע רעגנדל פּאַטשט אין פּנים אַריין, און די מענטשן, וואָס גייען אין גאַס, טיאָפּקען אין דער בלאָטע איינגעהויקערטע, נאַסע, פאַרצאָרנטע... איך שטיי אין חדר נעבן פענסטער אויף אַ באַנק און קוק אין דרויסן אַרויס אויף די בולבעלעך און „קאַטשקעלעך", וואָס שפּרינגען אַרום פונם רעגן איבער דער קאַליזשע, קוק אויף די מענטשן, וואָס מיען זיך צו טרעפן מיטן פוס אויפן שטיין, וואָס שטעקט אַרויס פון דער בלאָטע, גליטשן זיך אויס און — פּוץ, אין בלאָטע אַריין...

די נאַכט פאַלט צו, אַ געדיכטער נעפּל פילט אָן די לופט, אין דרויסן ווערט פינסטערער און פינסטערער. דער רבי איז אַוועקגעגאַנגען דאַוונען, די רביצין — קויפן נאַפט, די באַהעלפערס — אָפּפירן די קליינע יינגלעך אַהיים. אין דרויסן איז שוין גוט פינסטער, און אין שטוב איז שוין אויך טונקל און שטיל. די יינגלעך האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אין איין קופּקעלע און טוליען זיך איינער צום צווייטן, עס פאַלט אָן אויף מיר אַ סומנעקייט, איך האָב מורא שטיין אַליין נעבן פענסטער און גיי אויף־צו צו די יינגלעך.

איין יינגל שטייט אין דערמיט און דערציילט שטיל און אומעטיק:

— „פּלוצים כאַפּט ער זיך אויף, ער גיט אַ קוק — ער שלאָפט אין גרויסן בית־המדרש. דער נר־תּמיד קוים וואָס ער צאַנקט אויפן עמוד. מיט־אַמאָל איז אין בית־המדרש געוואָרן שטאַרק ליכטיק, פונדערווייטנס האָט זיך דערהערט

עפּעס אַ טומל, און ער ווערט אַלץ נענטער, נענטער... און אָט איז דער בית־המדרש שוין פול געפּאַקט מיט מתים, וואָס



שטייען אין די ווייסע תּכריכים, שאָקלען זיך און דאַוונען, און אָט גייען זיי צו צום אָרון קודש, נעמען אַרויס אַ ספר־תּורה, איין מת רופט־אויף צו דער תּורה: יעמד כהן!... גייט צו אַ מת, איינגעוויקלט אין אַ טלית, מאַכט אַ ברכה, און יענער לייענט פאַר אים די פּרשה... דערנאָך: יעמד לוי!... יעמד שלישי... רביעי... און גאָר צולעצט: יעמד החתן זרח ברבי גרונם מפטיר! און ער, זרח, ליגט ווי אַ קלאָץ, האָט מורא אַ ריר צו טאָן מיט אַן אבר. רופט דער מת נאָך־אַמאָל

אים־אויף: יעמד החתן זרח... הויבט ער אָן צו חלשן פון שרעק. טוען אים צוויי מתים אַ שלעפּ צום באַלעמער, טוען אים אַ שטעל אַנידער פאַר דער תּורה און איין מת גיט אַ געשריי אויף אים: מאַך די ברכה!... מאַכט ער די ברכה, און דער מת לייענט אין דער תּורה... האָט ער דערנאָך אָפּ־געזאָגט די הפטורה מיט אַלע מתים אינאיינעם, האָט אָפּגעזאָגט די ברכות פון דער הפטורה, און די מתים האָבן געענטפערט „אָמן!"... מע האָט נאָך ניט אָפּגעדאַוונט, קומט אָן דער שמש פראַווען חצות, קלאַפּט ער אָן דריי מאָל אין טיר — און מיט־אַמאָל — אויס ליכטיקייט, אויס מתים, נאָר דער נר־תּמיד — קוים וואָס ער צאַנקט ווי פריער אויפן עמוד, און דער בית־המדרש איז פול געוואָרן מיט שאָטנס... איז דער שמש אַריינגעקומען אין בית־המדרש אַריין און האָט געפונען דאָס ייִנגל אַ פאַרחלשטן, האָט ער אים אָפּגעמונטערט, האָט אים דאָס ייִנגל דערציילט די גאַנצע מעשה — און איז גע־שטאָרבן"...

דאָס ייִנגל האָט געענדיקט זיין מעשה און אַלע ייִנג־לעך שטייען מיט אָפענע מיילער לעכצן צו הערן נאָך און נאָך אָן אַ סוף. אויפן האַרצן איז אומעטיק, און די קאָמפּאַניע רוקט זיך אַלץ ענגער צונויף, און די מעשהלעך ציען זיך אָן אַן עק. איינער הויבט אָן דערציילן אַ מעשה מיט צוועלף גזלנים, שלאָגט אים איבער אַ צווייטער מיט אַ מעשה וועגן אַשמדאי, דעם מלך פון די שדים... מיט־אַמאָל קומט אַריין די רביצין, צינדט אָן דעם לאָמפּ, די שטוב ווערט פול מיט ליכט, און מיר, ייִנגלעך, רייבן זיך די אויגן פון ווייטאָק פון דער אומגעריכטער שיין. די סומנעקייט איז אַריבער, די מעשהלעך זיינען אַרויס פון קאָפּ און מיר שטייען, ווי די ליימענע גולמס, צעטומלטע און צעמישטע.

דער רבי מיט די באַהעלפערס קומען צו גיין, און אין חדר ווערט לעבעדיק. די יינגלעך גייען זיך פאַנאַנדער איבער דער גאַנצער שטוב, אייניקע רעדן און אַנדערע בייסן איבער דעם רעשט מיטאָג, וואָס איז זיי געבליבן.

דער רבי זיצט אויבן־אָן ביים טיש, די צוויי באַהעלפערס נעבן אים און אַלע יינגלעך — אויף די בענק אַרום זיי. אין חדר איז אַ געשריי, אַ געפילדער, — דער רבי, די באַהעל־פערס און די יינגלעך זאָגן אַלע אינײנעם אויפן קול. איין כתה רוקט זיך אָפּ פון רבין צום צווייטן עק־טיש און אַן אַנדער כתה פאַרנעמט איר אָרט, און ווידער־אַמאָל ווערט דער חדר פול מיט געשרייען און מיט אַ וויינענדיקן זאָגן: „לך לך—גיי דיר אַרויס, מארצך—פון דיין לאַנד, ממולדתך— פון דיין געבורטס־אָרט...״

נאָר ביסלעכווייז ווערט דער געפילדער שטילער און שטילער, דער רבי איז מיד און איינגעמאַטערט, די באַהעל־פערס גענעצן און ציען זיך, און עטלעכע יינגלעך דרימלען שוין צוגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אויף די אָרעמס. די רביצין זיצט פונדערווייטנס און אַרבעט אַ זאָק. דער גאַנצער חדר איז מיד, פאַרחלשט און מיר אַלע האָבן אייגיינציקן ווילן: וואָס גיכער פטור ווערן פונם חדר און גיין אַהיים. מיר ציילן די מינוטן און פאַרקוקן דעם רבין אין פנים אַריין, כדי צו טרעפן, צי האָט ער שוין בדעה אונז אָפּלאָזן פריי, צי ניט.

און ענדלעך הויבן זיך אויף דער רבי און די באַהעל־פערס פון די ערטער ביים טיש, און אין חדר ווערט אַ פריי־לעכער טומל. די יינגלעך שטופן זיך פון טיש אַרויס מיט אַ גדולה און פרייד, און ווען ניט די מורא פאַרן רבין, וואָלטן זיי זיך צעשפּרונגען, ווי די קעלבלעך פון גרויס התפעלות און הנאה.

די באַהעלפערס העלפן די ייִנגלעך אָנטאָן די פאַלטאָ־
כלעך, בינדן זיי אַרום די העלזער מיט גראָבע שאַלעכלעך,
גלייכן זיי אויס די היטעלעך אויפן קאָפּ, שטעלן זיי אויס
נאָך די גאַסן נאָך, אַלע ייִנגלעך פון יעדער גאַס באַזונדער,
מיר צינדן אָן די לאַמטערנס און שפּאַרן זיך אַרויס מיט אַ
געפּילדער אין דרויסן אַרויס.

און אין דרויסן איז אַ חשכות, אַן אומקומעניש, עפּעס
נאַסעס, עפּעס נישט קיין רעגן און נישט קיין שניי, פּאַטשט
אין פּנים אַריין, קאַפּעט אַריין אונטערן קאָלנער און רינט
אַראָפּ ביז דער ברוסט, און די פיס טיאָפּקען אין דער בלאָ־
טע, זינקען אין איר, קוים אַרויסצושלעפּן זיי — אָבער וואָס
מאַכט דאָס אויס? די ייִנגלעך גייען מיט אַ געזאַנג, שטופּן
זיך איינס דאָס צווייטע פון דער סטעשקע אין בלאָטע אַריין,
קוויטשען און זידלען זיך גוטמוטיק.

די קאָמפּאַניע ווערט שיטערער, אַלע מאָל געזעגנט זיך
אָפּ אַ ייִנגל מיט דער קאָמפּאַניע און לויפט אַריין צו זיך אין
שטוב מיט קוראַזש, און עס ווערט שטילער; די שמחה, דאָס
געזאַנג, — ביז איך בלייב איינער אַליין אין דרויסן.

אַרום מיר איז שטיל, פינסטער, דער ווינט בלאָזט, דורך
די פענסטער גנבענען זיך אַרויס בלויע שטראַלן, און מיין
לאַמטערנדל לויכט מיר צו מיינע ד׳ אַמות און מאַכט נאָך
פינסטערער דעם דרויסן אַרום מיר. איך גיי איינער אַליין
אין דער שטילער נאַכט פון דעם שרעקלעכן דרויסן, וואָס
איז פול מיט מתים, שדים און רוחות, מכשפים און ציגיינער...
איינער אַליין! איך גיי ווי אַ גבור! איך מאַך ברייטע שפּאַן,
בין זיך מוסר נפש און גיי ווייטער... נאָך איין שמאָל
געסל... נאָך פינף הייזער... נאָך פיר, נאָך דריי... אָט
איז אונזער שטוב... אין פענסטער איז ליכטיק! גיכער זיך

אַריינכאַפּן אַהין, דאָרט איז גוט! דאָרט איז ניטאָ פאַר וואָס מורא צו האָבן... די טיר עפנט זיך אויף, און איך כאַפּ זיך צריין אין שטוב אַריין מיט אַ רעש, אין איין האַנט דער לאַמ-טערן, מיט דער צווייטער — פאַרהאַק איך די טיר הינטער זיך, און פיל זיך בשעת מעשה, ווי אַ גרויסער, און שריי פריי-לעך אויס:

— גוט-נ'אָוונט!

די מאַמע זיצט אויף דער באַנק נעבן דער הרובע; אויפן טיש, וואָס שטייט פאַר מיר, ברענט אַ לעמפל מיט אַ פאַררויכערט גלעזל, און די מאַמע נייט און לאַטעט דאָס ווייסע גרעט. נעבן דער באַנק שטייט אַ געפלאָכטן וויגל, און די מאַמע שאָקלט עס צו מיט דער פוס ביים שטריקל, וואָס הענגט נאָך, און פאַרוויגט סענדערלען, מיין קליין ברודערל. אויף אַ טאַבורעט אַנטקעגן דער מאמען זיצט ביינדל, מיין עלטערע שוועסטער, און לערנט זיך מאַכן אַ מערעשקע אויף אַ זאָק, און מיין קלענע-רע שוועסטער, שרהקע, ליגט ביי דער מאַמען אויף די קני און דרימלט. די בעטלעך זיינען שוין אויסגעבעט, אין שטוב איז שאַ-שטיל. די מאַמע איז, קאָנטיק, צופרידן מיט מיין קו-מען; זי זאָגט גאָרנישט, נאָר איך דערקען אין איר פּנים, אַז זי האָט געוואַרט אויף מיר. זי האָט אויף מיר אַ שאַרפן קוק געגעבן בעת איך האָב געעפנט די טיר.

— וואָס האָסטו, זונעניו, היינט געלערנט? ביסט אַודאי הונגעריק?

— יאָ, מאַמע, איך וויל עסן.

די מאַמע הויבט זיך אָן מיט מיר דינגען, וואָס זאָל זי מיר געבן עסן: בולקע מיט שמאַלץ — וויל איך ניט, באַרן מיט בולקע — גלוסט זיך מיר ניט.

— אַז וועסט מיר דערציילן אַ מעשהלע, וועל איך עסן

בולקע מיט שמאַלץ! — זאָג איך דער מאַמען, און מיין שוועסטער, ברײַנדל, קוקט אויף דער מאַמע, בעט זי אויך, זי זאָל עפּעס דערציילן, וועט זיין פריילעכער אַ ביסל.

די מאַמע גיט נאָך.

זי האָט אַוועקגעלייגט די וועש, האָט זיך אָנגעבויגן און אַ קוק געגעבן אויף סענדערלען און האָט אָנגעהויבן דערציילן:

— „אַז איך בין נאָך געווען אַ קליין מיידעלע, אָט ווי ברײַנדל, האָט מיר די באָבע, עליה השלום, — געווען אַ זקנה, זאָל זיך מיִען פאַר אונז, — דערציילט: אַ מאָל, שוין אַ היפּש ביסל יאָרן צוריק, ווען מיין באָבעס טאַטע איז נאָך געווען אַ קליין ייִנגל און זיי האָבן געוווינט אין דאָרף ביים פּריץ, האָט אין יענעם דאָרף געוווינט נאָך אַ ייִד, רב יוסף האָט ער געהייסן, זייער אַ פרומער ייִד און אַ גרויסער למדן. געווען איז ער אַרענדאַר אין דאָרף און אַ גרויסער אָרעמאַן. דער פּריץ האָט פון אים שטאַרק געהאַלטן, פלעגט אים אַמאָל פאַררופן צו זיך און אים הייסן זינגען זמירות און יום-כּפּורדיקע נגונים. אַז דער פּריץ פלעגט זיין שכּור, פלעגט ער אים הייסן טאַנצן, און ר׳ יוסף האָט געמוזט אים פאָלגן און טאַנצן. דערפאַר האָט דער פּריץ ניט געמאָנט ביי אים קיין אַרענדע-געלט, און אַזוי האָט זיך ר׳ יוסף אָפּגעלעבט אַ שאָק מיט יאָרן רויִק אין זיין שטוב. זיין ווייב — איז געווען אַ כּשרע ייִדענע, זייער אַ גוטע און אַ גרויסע מכניס-אורחטע, און די גאַנצע בעל-הביתטע אין שענק. ר׳ יוסף האָט זיך אין שענק ניט געמישט און איז זיך געזעסן גאַנצע טעג און נעכט פאַרשפּאַרט ביי זיך אין אַלקערל און געלערנט תּורה. אפילו די גויִים פון דאָרף האָבן געוווּסט, אַז יאָסקע איז אַ איש קדוש און האָבן פאַר אים שטאַרק דרך-ארץ געהאַט.

מאַכט זיך איינמאָל אַ טאָג, און דער רבי לייב שרהס, דעם בעל־שם־טובס אַ תּלמיד, איז דורכגעפאָרן דאָס דאָרף און האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי רב יוספן איבערצונעכטיקן. רב יוסף און זיין ווייב האָבן ניט געוווּסט, ווער דער אורח איז און האָבן אים געגעבן עסן און באַלייגט אים שלאָפן גלייך מיט די איבעריקע אורחים. אויף מאָרגן אינדערפרי האָט דער רבי לייב שרהס אָפּגעדאַוונט און געוואָלט פאָרן ווייטער. האָט אים אָבער רב יוספס ווייב ניט געוואָלט אָפּ־לאָזן, ביז ער וועט ניט אָפּעסן וואַרמעס. זי איז צו אים צו־געשטאַנען, ביז דער רבי האָט איר צוליבגעטאָן און איז פאַרבליבן אויף וואַרמעס. נכאָן מיטאָג האָט דער רבי גענו־מען זיין זעקעלע און זיין שטעקל און זאָגט צו רב יוספן און זיין ווייב:

— איך זע, איר זיינט פרומע ייִדן, זאָגט מיר, וואָס פעלט אייך און מיט וואָס זאָל איך אייך בענטשן, אפשר וועט גאָט אָננעמען מיין ברכה.

— אונז פעלט, אַ דאַנק השם יתברך, — האָט רב יוסף געענטפערט, — גאָרנישט. פּרנסה, אפילו בדוחק, איז, ברוך השם, דאָ, קיין גבירישקייט גייט אונז ניט אָפּ, מיר זיינען פשוטע מענטשן און יאָגן זיך ניט נאָך קיין עשירות. נאָר איין זאַך פעלט אונז — האָט רב יוסף אַ זיפץ געטאָן — אונז פעלט אַ זון, וואָס זאָל לערנען תּורה. טעכטער האָבן מיר, אַ דאַנק דעם אויבערשטן, ניט צו פאַרזינדיקן, אָבער וואָס זיי־נען נאָר טעכטער אַליין? אָט קומט אַריין, ר' אורח, וועל איך אייך ווייזן אַ שראַנק מיט ספרים — ווער זשע וועט אין זיי אַריינקוקן נאָך מיר איבער הונדערט מיט צוואַנציק יאָר?

— אויב אַזוי — האָט דער רבי געענטפערט, — הערט זשע אויס, ר' יוסף: איך זאג אייך צו, אם ירצה השם,

איבעו׳ אַיאָר אין דער צ׳ייט וועט אייער ווייב האָבן אַ זון, און דער זון וועט האָבן אַ גרויסע נשמה און וועט זיין אַ גדול בתורה ובקדושה, אָבער זייט וויסן, דער סמאל וועט וואַרפן אַן אויג אויף איב, און די קדושה וועט זיך ראַנגלען מיט דער קליפה, די מלחמה וועט זיין אַ גרויסע און אַ שווע-רע... און איר זעט אָפּצוהיטן דאָס קינד און עס דערוויי-טערן מכל דבר טמא...

ווי דער רבי האָט דאָס געזאָגט, האָט ער געעפנט די טיר און איז נעלם געוואָרן.

אין אַ יאָר אַרום איז ביי ר׳ יוספן געבוירן געוואָרן אַ יינגל, וואָס איז געווען שיין ווי די זון, און געשיינט ווי אַ מלאך.

האָט זיך דער פריץ דערוווּסט דערפון, שיקט ער רופן ר׳ יוספן און זאָגט צו אים אַזוי:

— הער מיך צו, מאָשקע, (אַזוי האָט דער פריץ אים גערופן), דו ביסט דאָך אַן אָרעמאַן, ביי דיר איז געבוירן גע-וואָרן אַ יינגל, אויף וואָס זשע דאַרפסטו אים, מאָשקע? ס׳דיר קאַרג די קינדער, וואָס האָסט שוין און וואָס זיי לעבן ביי דיר אין דחקות און נויט? באַטראַכט זיך נאָר, מאָשקע, וואָס ייעט אויסוואַקסן פונם יינגל ביי דיר? אַ צווייטער מאָשקע, וואָס צאָלט שוין אַכט יאָר נישט קיין אַרענדע-געלט און טראָגט אַ מאוסע קאַפּאָטע און רעדט אויף אַ מאוסער שפּראַך און זינגט לידער פאַר זיין פריץ? זע, מאָשקע, איך האָב אַ גוט האַרץ און האָב רחמנות אויפן קינד—מ׳זאָגט אַ פאַרשוין אַ קינד, — און איך וויל ניט ער זאָל זיין אַ פאַסקודנער, פאַרשאָלטענער זשיד. ווייסטו וואָס? גיב אים אַוועק מיר, וועל איך שוין מאַכן אַ לייט פון אים.

— אָבער דער פּאַן פאַרגעסט, אַז איך בין דאָך אַ ייד

— זאָגט רבֿ יוסף, און עס ציטערן אים הענט און פיס.

— גיי צו אַלדי רוחות, דו פאַרשאָלטענער זשיד, מיט דיין ייִדישקייט! דו האָסט די העזה ניט וועלן אָפּגעבן דיין קינד אַ פּוילישן שלאַכטשיץ אים מגדל צו זיין. אַרויס פון דאַנען, און אין אַכט טעג אַרום זאָלסטו מיר אָפּצאָלן די אַרענדע פאַר אַלע אַכט יאָר, וואָס דו האָסט מיר ניט געצאָלט, און אויב דו וועסט ניט ברענגען צו דער צייט דאָס געלט, וועל איך דיך מיט דיין ווייב און מיט דיינע קינדער אַריינוואַרפן אין תּפיסה אַריין און איר וועט דאָרטן פוילן ביי מיר. דו הערסט, מאָשקע?

דער דאָזיקער פּריץ איז געווען אַ גרויסער כּשוף־מאַכער, און אַז רבֿ יוסף האָט דערציילט זיין ווייב, וואָס דער פּריץ האָט אים געזאָגט, האָט זי אים אַן עצה געגעבן:

— מ'זאָגט, דער בעל־שם איז דאָ ניט ווייט אין אַ שטעטל, פאָר זיך דורך צו אים און בעט אים אַ קמיע צו פאַרהיטן דאָס קינד פונם פּריץ, דעם כּשוף־מאַכער.

איז רבֿ יוסף אַוועקגעפאָרן צום בעל־שם. ווי נאָר ער איז אַריינגעגאַנגען אין שטובּ, וווּ דער בעל־שם איז איינגעשטאַנען, האָט ער דערקענט צווישן עולם דעם זקן, וואָס האָט אים געבענטשט מיט אַ ייִנגל. דער אַלטער האָט זיך אָבער געמאַכט, גלייך ער דערקענט ניט רבֿ יוספן. האָט דער בעל־שם אָנגעשריגן אויף אים:

— לייבּ, וואָס מאַכסטו זיך, אַז דו קענסט אים נישט? זאָל די וועלט וויסן, אַז דו האָסט אַ גרויסן כּח אויף דער ערד און אויפן הימל. גיי, העלף דעם ייִדן און האָב קיין מורא ניט! אָט, נעם דעם שטעקן מיינעם און געדענק, וואָס איך זאָג דיר אָן, אים ניט אַרויסלאָזן אויף אַ רגע פון האַנט. נעם מיט נאָך אַכט מענטשן צו אַ מנין און לערנט די גאַנצע

נאַכט משניות און זוהר, און די טירן זאָלט איר פאַרשליסן און אַלע לעכער פון די פענסטער און די קוימענס זאָלט איר פאַרשטעקן, ווער עס וועט שמעצער קלאַפּן אין טיר — זאָלט איר ניט עפענען, ווער עס וועט עמעצער רופן אין מיין נאָמען, זאָלט איר זיך ניט אָפּרופן. געדענקט זשע, וואָס איך זאָג אייך אָן!

האָבן זיי געטאָן, ווי דער בעל־שם האָט געהייסן. האָט זיך דער מנין צונויפגענומען אין דער נאַכט פון וואַך אין אַלקער פון דער יולדת, דער רבי לייב שרהס האָט געמאַכט אַן עיגול מיטן בעל־שמס שטעקן אַרום דער בעט פון דער יולדת און אָנגעזאָגט די ייִדן, וואָס אין אַלקער, זיי זאָלן זיך האַלטן שטאַרק, מחמת די מלחמה וועט זיין זייער אַ שווערע. דעריבער זאָלן זיי ניט צומאַכן מיט קיין אויג די גאַנצע נאַכט און נאָר האַלטן אין איין לערנען משניות און זאָגן זוהר און ער, דער רבי, וועט האַלטן דעם בעל־שמס שטעקן אין האַנט און מיט גאָטס הילף און מיט דער הילף פון הייליקן רבי ישראל בעל־שם־טוב וועלן זיי בייקומען דעם סמאל, און ס'ניטאָ פאַר וואָס מורא צו האָבן...

ווי ער האָט נאָר אויסגערעדט די דאָזיקע ווערטער, אַז מ'הויבט אָן שטאַרק קלאַפּן אין טיר:

— דער פריץ הייסט עפענען!

קיינער רופט זיך אָבער ניט אָן.

הויבט מען אָן נאָך שטאַרקער קלאַפּן אין טיר און שרייען, אַז דער פריץ וועט שטאַרק באַשטראָפן די ווערעמ־דיקע זשידעס, וואָס ווילן ניט עפענען די טיר פאַר זיינע קנעכט.

אָבער קיינער ענטפערט אים ניט.

איז געוואָרן שטיל. ס'גייט אַוועק אַ שעה, הערט מען ווידער קלאַפּן אין טיר:

— מאָשקע, עפן אויף! דו דערקענסט מיך ניט, מאָשקע! ס'בין איך — דער פריץ! מאָשקע, איך וועל דיך מאָרגן שמייסן מיט נאַסע ריטער, אויב דו עפנסט מיר ניט תיכף ומיד!

קיינער רירט זיך אָבער ניט פון אָרט.

ווערט ווידער שטיל. ס'גייט ווידער אַמאָל איבער אַ שעה, פונדערווייטנס דערהערט זיך פלוצים אַ גערויש פון אַ סך מענטשן, וואָס דערנענטערן זיך צו דער שטוב מיט אַ געפילדער, און אָט קלאַפט מען נאָך־אַמאָל אין טיר:

— יאָסקע, עפן אויף, מיר ווילן בראָנפן!



קיינער עפנט ניט.

— יאָסקע, הוליע דיר וויפיל דו ווילסט מיט דיינע ייִדע־לעך, וואָס האָסט דיר געבראַכט פון שטעטל, אָבער אונז גיב בראָנפן, אַ׳ניט צעטראָגן מיר די שטוב און וועלן ניט לאָזן אַ שטיין אויף אַ שטיין פון איר.

זיי קלאַפּן אָן טיר, רייסן די לאָדן, וואַרפן אין זיי שטיינער, אָט־אָט פאַלט אום די גאַנצע שטוב פון דעם קלאַפּן און געשריי, אָבער קיינער עפנט ניט.

גייען די אויך אַוועק.

ס׳גייט אַריבער אַ שעה און מיטאַמאָל לאָזט זיך הערן פון דערווייטנס אַזאַ וווּנדערלעך שפּילן, אַז די פיס הויבן זיך אַליין צו לויפן אַנטקעגן די כּלי־זמר... דאָס האַרץ קלאַפּט, די אויגן גיסן מיט טרערן, און דאָס בלוט קלאַפּט אין די אָדערן נאָכן טאַקט נאָך... דער נגון דערנענטערט זיך, די ייִדן ווילן איינזיצן אויף זייערע ערטער און אַריינקוקן אין זוהר, נאָר דאָס שפּילן ציט זיי צו זיך, אַז דאָס חיות גייט זיי ממש אויס... זיי שטאַרקן זיך און דער נגון ציט און ציט... אין די אויגן ווערט טונקל, עס פאַלט אָן אויף זיי אַ זיסער דרימל, עס גלוסט זיך אָפּרוען, דאָס האַרץ גייט אויס פון בענקע־ניש... און דער נגון הערט זיך אַלץ נענטער, אָט הערט מען אים שוין סאַמע אונטער די פענסטער, אַזאַ אומעטיקער זיסער נגון! די אויגן גיסן מיט טרערן, קוקנדיק אין דעם ספר הזוהר. — מיט־אַמאָל ווערט דער נגון אַזאַ פריילעכער, אַז די ייִדן הויבן אָן צו לאַכן פאַר פרייד און טאַנצן אונטער זיך, אַריינקוקנדיק אין ספר... דער נגון כאַפּט, ציט, און עס ווילט זיך אַרויסגיין צו די כּלי־זמר — נאָר מ׳טאָר נישט! ר׳ לייב שטייט אָנגעשפּאַרט אויפן שטעקן מיט אַלע כּוחות, זיי־נע ליפּן פליסטערן שטילערהייט די הייליקע השבעות און

צירופים. און דער נגון איז אַנטשוויגן געוואָרן...
פלוצים גיט עמעצער אַ קלאַפּ:
— בשם רבי ישראל בעל-שם-טוב, עפנט!
— באַלד! — ענטפערט אים איינער פון מנין...
רבי לייב איז גרין און פאַרציטערט געוואָרן פאַר שרעק...
אָבער ס'שוין געווען שפּעט: אַ שוואַרצע קאַץ איז אַ-ריין אין שטוב, איז צוגעלאָפן צו דער בעט פון דער יולדת, האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד און — ניט געבליבן!
— דער סמאל האָט בייגעקומען! — האָט רבי לייב אַ גע-שריי געטאָן און איז אַנידערגעפאַלן אין חלשות...
אויף מאָרגן גאַנצפרי איז רבי יוסף געקומען צום פּריץ אין הויף אַריין, האָט זיך געבעטן מ'זאָל אים צולאָזן צום פּריץ, אים בעטן אָפּגעבן זיין זון. דער פּריץ האָט אָבער ניט געהייסן אים צולאָזן צו זיך און האָט באַפעלט אים געבן שמיץ מיט נאַסע ריטער און, זיצנדיק אין שטוב ביי זיך, האָט ער צוגעטריבן די שמייסער:
— שלאָגט אים, קאַטעוועט אים, לייגט אויף אים קיין כבוד נישט!...
אויף מאָרגן איז רבי יוסף געשטאָרבן, און זיין הויז-געזינט איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פון דאָרף.
דאָס קינד איז געוואַקסן ביים פּריץ, איז געווען זייער שיין און קלוג און מיט אַלע מעלות. דער פּריץ האָט אים שטאַרק ליב געהאַט און האָט אים געלערנט אַלע שבע חכמות, און דאָס יינגל האָט אַרויסגעוויזן גרויסע קענטענישן [אינם לערנען.
איינמאָל גיט דאָס יינגל אַ פרעג דעם פּריץ:
— טאַטע, וואָס איז אַזוינס אַ „זשיד"?
— אַ זשיד איז אַ רוח, אַ שד.]

— פאַרוואָס זשע רופן מיך די קינדער פון הויף „זשיד"?

— איך ווייס ניט, — האָט דער פּריץ געענטפערט און האָט פאַרביסן די ליפּן פאַר כעס.

און פון דעמאָלט אָן האָט מען אים אויפגעהערט רופן „זשיד".

ווען דאָס יינגל איז אַלט געוואָרן צוועלף יאָר האָט ער איינמאָל אַ פרעג געטאָן דעם פּריץ:

— טאַטע, ס'איז אמת, אַז איך בין אַ ייִד? היינט האָט מיר אַ ייִנגל פון הויף געזאָגט: „פּעטער, דו ווייסט, דו ביסט אַ זשיד, דיין טאַטע איז געווען אַ זשיד און מ'האָט אים גערופן יאָסקע, אַ ווילער מענטש איז ער געווען דיין טאַטע, דער זשיד, האָט ניט געטרונקען און געהאַלטן שטענדיק נאָר אין איין דאַווענען פאַר זיין זשידאָווסקי גאָט." בין איך טאַ-קע אַ זשיד, טאַטע?

— ניין, מיין זון, ס'אַ ליגן, — האָט דער פּריץ געענט-פערט צעטראָגן.

און איידער דעם ייִנגל איז געוואָרן דרייצען יאָר, האָט זיך אים געחלומט, אַז נעבן אים שטייט אַ גרייז-גרויער מאַן, זיין פּנים איז צעהרגעט, קרענקלעך און פול מיט-צער:

— איך בין דיין טאַטע, — האָט דער צעבלוטיקטער זקן געזאָגט, — דער פּריץ האָט דיך מיט געוואַלט אַוועקגערויבט פון דיין מאַמען, דער יולדת, און מיך, דיין פאָטער, האָט ער דערהרגעט. דו ביסט אַ ייִד און דו מוזט בלייבן אַ ייִד. אין עטלעכע טעג אַרום ווערט דיר דרייצען יאָר, מוז מען דינען גאָט און אָפּהיטן די הייליקע תורה. שטיי אויף, מיין קינד, און קום מיט מיר.

דאָס ייִנגל האָט זיך דערשראָקן, זיך צעשריגן פון שלאָף — און האָט זיך אויפגעכאַפּט.

— וואָס האָסטו עפּעס אַזוי געשריגן ביינאַכט? — האָט אים דער פּריץ אַ פרעג געטאָן גאַנצפרי.

— טאַטע, מיר האָט זיך געחלומט אַ שרעקלעכער חלום,— האָט דאָס ייִנגל געענטפערט און טרערן זיינען אים געשטאַנען אין די אויגן.

— מיין קינד, וואָס איז מיט דיר? דערצייל.

— אוי, טאַטע, איך האָב מורא דערציילן... אַזאַ שרעקלעכער חלום... קומט צו מיר אַ זשיד, אַ צעבלוטיקטער, אַ פאַרוווּנדעטער און זאָגט מיר, אַז ער איז מיין טאַטע, און אַז איך בין אַ ייִד און רופט מיך גיין מיט אים... טאַטע, איז'ס טאַקע אמת, אַז איך בין אַ ייד? די ייִנגלעך פון הויף זאָגן דאָך אויך, אַז איך בין אַ ייִד!

— ס'אַ ליגן! און דער חלום איז אויך אַ פּוסטע מעשה, און מער גאָרנישט! — האָט דער פּריץ געשריגן מיט שרעק אין די אויגן.

אויף מאָרגן האָט דאָס ייִנגל זיך ווידער געקלאָגט פאַרן פּריץ:

— אוי, טאַטע, היינטיקע נאַכט האָט מיך דער ייִד שטאַרק געשלאָגן. ער האָט מיר געפּליקט די האָר, געריסן מיט די נעגל די הויט ביז בלוט... זאָלסט געווען אַ קוק טאָן, ס'אַראַ שרעקלעכן פּנים ער האָט געהאַט! די אויגן זיינען אים געווען פאַרלאָפן מיט בלוט, דער שטערן איינגאַנצן אין קנייטשן און אַזאַ טיפע זאָרג און גרויסער צער איז אויסגעגאָסן געווען אויף זיי... און זאָלסט געווען הערן, ווי ער האָט געשריגן אויף מיר מיט זיין שרעקלעכן קול: „דו ביסט אַ ייִד, און איך בין דיין טאַטע, קום מיט מיר, אַ ניט הרגע איך דיך תּיכּף"... און ווען... אוי, טאַטע, טאַטע...

און אויפן צווייטן טאָג גאַנצפרי, אַז דאס ייִנגל האָט

זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט ער דערזען, אַז ער ליגט נאַקעט אין מיטן שטאָט בײַ דער שוועל פונם בית־המדרש.

און אין יענער נאַכט האָט זיך דעם רב געחלומט, אַז אַן אַלטער מאַן, וואָס זעט אויס ווי אַ מלאך, בעט זיך פאַר אים מיט אַזאַ ווייך קול, ווי דאָס קול פון אַ פידל: „רבי, מאָרגן וועלן די שמשים געפינען נעבן בית־המדרש אַ נאַקעט ייִנגל. דאָס דאָזיקע ייִנגל איז מײַן זון. דער פּריץ האָט אים מיט כשוף אַוועקגערויבט, מיך האָט ער דערהרגעט און מײַן ווײַב און קינדער אַרויסגעטריבן פון דאָרף. מאָרגן ווערט דאָס ייִנגל בר־מצוה און ער קאָן אַפילו קיין ייִדיש ניט רעדן, ווייסט ניט קיין צורת אות, דעריבער זײַט איר, רבי, אים אַ טאַטע, זײַט אים מדריך אין מצוות און לערנט אים גאָטס תורה, — אָבער איר זאָלט וויסן זײַן, רבי, אַז ער האָט אַ גרויסע נשמה, און אַז סמאל לאָקערט אויף איר, און איר דאַרפט פירן אַ הייליקע מלחמה פאַר איר, כדי ניט דערלאָזן דעם פײַנט צונעמען די נשמה פונם קינד...

האָט דער רב גענומען דאָס ייִנגל צו זיך אין שטוב אַרײַן.

דעם ערשטן טאָג האָט ער אים אויסגעלערנט דעם אלף־בית, דעם צווייטן — די נקודות, דעם דריטן — געזאָגט מיט אים עברי, דעם פערטן — שוין געדאַוונט און אויפן פינפטן טאָג האָט ער אָנגעהויבן צו לערנען חומש. דער רב האָט אים ליב געקראָגן, די רביצין האָט אים געקעכלט, ווי אַן אייגענע מאַמע, און דאָס ייִנגל האָט זיך גוט געלערנט און אויסגענומען אַ וועלט.

איינמאָל, גאַנצפרי זאָגט דער רב צום ייִנגל:

— הער נאָר צו, מײַן זון, דו זאָלסט וויסן זײַן, אַז ביסט באַשאַפן געוואָרן צו זײַן אַ גרויסער גאון בײַ ייִדן, און איך

קאָן שוין מער ניט זיין דיין רבי. דעריבער נאַ׳דיר אַ בריוו און פאָר מיט אים קיין אַמסטערדאַם און לערן דאָרט אין דער ישיבה גדולה, נאָר געדענק דיין טאַטן, זכרונו לברכה, געדענק אויך מיך און פאַרגעס ניט אין גאָט און אין זיין תּורה. און נאָך זאָלסטו וויסן זיין, אַז דער שטן לאָקערט נאָך דיר און וויל צונעמען ביי דיר דיין נשמה. דיין טאַטע האָט אַ גרויסע מלחמה געפירט פאַר דיין נשמה און איך האָב אויך ניט ווייניק מלחמה געהאַלטן פאַר איר. איצט הייסט גאָט, זאָלסט זיך אָפּשיידן פון מיר. דו האָסט אויסצושטיין אַ גרויסן נסיון. נאַ׳דיר די דאָזיקע קמיע און אָט דעם שטעקן מיינעם, און אַלע מאָל, ווען דו וועסט זיך לייגן שלאָפן, זאָלסטו מאַכן מיטן שטעקן אַן עיגול אַרום זיך און זאָלסט אַ גאַנצע נאַכט ניט אַרויסגיין פונם עיגול און האַלטן די קמיע אין האַנט ביז וועסט אויפשטיין פון שלאָף. געדענק־זשע, וואָס איך זאָג דיר אָן, זאָל גאָט זיין מיט דיר.

דער רב האָט זיך אָפּגעזעגנט מיטן יינגל און זיי האָבן ביידע שטאַרק געוויינט און די רביצין איז געשטאַנען פונ־דערווייטנס און האָט אויך געוויינט מיט זיי.

האָט דאָס יינגל גענומען זיין פּעקל אויף די פּלייצעס און האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין, און דער וועג איז געווען אַ ווייטער און שווערער, ער איז זייער מיד געוואָרן און די פיס האָבן אים שטאַרק אָנגעהויבן ווי טאָן. אָבער ער מוז גיין, און ער איז געגאַנגען. דער וועג איז אים געלעגן דורך אַ גרויסן וואַלד. פון ביידע זייטן וועג האָבן זיך געצויגן אין הימל אַריין הויכע דעמבן. דער וואַלד איז געווען אַ געדיכטער און טיפער, אָן אַ סוף. די זון פאַרגייט. שטעלט זיך דאָס יינגל אָפּ צו דאַווענען מנחה. איז געוואָרן נאָך פינסטערער, דאַוונט ער אָפּ מעריב אויך. אָפּגעדאַוונט,

נעמט ער אַרויס אַ שטיקל ברויט פון טאָרבעלע, ווייל נעמען עסן, ערשט ער האָט ניט קיין וואַסער אויף וואַשן די הענט! ווי אַזוי זשע קאָן ער עסן? מיד איז ער, די אויגן קלעפּן זיך מיט געוואַלט, האָט ער אַ ניט-געגעסענער אָפּגעלייענט קריאת-שמע, געמאַכט אַ עיגול אַרום זיך, גענומען די קמיע אין האַנט, אַוועקגעלייגט דאָס פּעקל צוקאָפּנס — און איז אַנט-שלאָפן געוואָרן.

קוים וואָס ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, האָט אים אויפגעוועקט עפּעס אַ גרויסער טומל. ער עפנט אויף די אויגן, קוקט זיך אַרום, ערשט, אַ מחנה וועלף לויפט אַרום אין וואַלד און יאָגט זיך נאָהער צו אים. די אויגן ביי די וועלף גליען ווי קוילן, די מיילער זיינען אָפן און די ציין קריצן. די מחנה גייט צו אַלץ נענטער צום עיגול. די וועלף ווילן זיך אַריינרייסן אין אים, שטויסן זיך אין עיגול אַריין מיט אַלע כוחות, שפּרינגען, ווערן שיער ניט משוגע פון כעס. אָבער דעם עיגול קאָנען זיי נישט אַריבערגיין. די מחנה וועלף איז אַוועק, און אָט לויפט אַהער אַ ווילדער חזיר. ער איז צוגעלאָפן ביזן סאַמע עיגול און איז געבליבן שטיין, קאָן קיין טריט ווייטער ניט טאָן. איז ער אויך אַוועק צוריק. מיט-אַמאָל דערהערט זיך פון מיטן וואַלד אַ שיינער נגון, און ער צעשפּרייט זיך מיטן ווינטל, וואָס בלאָזט מחיהדיק אין וואַלד... הויבט אָן ציען דעם יינגלס נשמה נאָך אָט דעם וווּנדערלעכן נגון. ער דערמאַנט זיך אָן דעם פריץ און אָן זיין פידעלע. געווען אַ זעלטענער שפּילער אָט דער פריץ, און ער, דאָס יינגל, האָט אַזוי ליב געהאַט זיין פידעלע. ווייל דאָס יינגל אַרויסגיין פונם עיגול, האַלט ער זיך אָבער איין מיט אַלע כוחות; דאָס האַרץ צעגייט אין אים, עס גייט אים דאָס חיות אויס פונם שפּילן, די הענט ציטערן, די קמיע פאַלט

אַראָפּ אויף דר׳ערד, און דער ווינט כאַפּט אים אונטער, און דאָס ייִנגל טראָגט זיך מיטן ווינט אַהין ־ווייטער, ווייטער נאָכן נגון נאָך... ער טראָגט זיך איבער ימים און טייכן, פעלדער און וועלדער, שטעט און דערפער, און די כּלי־זמר שפּילן אַלץ פאַר אים... זיי זיינען אינגאַנצן ד׳ אמות פון אים, נאָר ער קאָן אָבער צו זיי נישט קומען... און אָט איז ער שוין אין זיין געבורטס דאָרף... אָט איז דעם פּריצס שטוב... ער שטייט פאַר דער טיר... די טיר עפנט זיך... און אָט... אָט גיט אים אַ כאַפּ אָן אַ שטאַרקע האַנט און שלעפּט אים מיט כח צוריק... עס ווערט אַ געוואַלטיקע מלחמה... איין שטאַרקער כח ציט אין שטוב אַריין צום פּריץ, און דער אַנדערער — צוריק:

„איך בין דיין טאַטע, איך בין דיין פאָטער יוסף, און דו ביסט מיין זון, די דערקענסט מיך ניט?״ — האָט גערופן צו אים אַ געשטאַלט, ווי דאָס געשטאַלט, וואָס ער האָט געזען אין חלום, — „דו ביסט אַ ייִד, גיי ניט אַריין אַהער אין שטוב! דאָ וועסטו ווערן אַ גוי, גיי ניט נאָך נאָכן נגון, נאָך דער פידל, דער שפּילער איז דער אשמדאי, דער שטן... זון מיינער, גיי קיין אַמסטערדאַם, אין ישיבה אַריין! דאָרט וועסטו לערנען תּורה, די אמתע תּורה. זע, מיין קינד, ווי איך בין צעבלוטיקט, פאַרוווּנדעט, דאָס האָט דער פּריץ, דער אכזר, אַזוי צעריסן מיין לייב... וועסטו ווערן אַ פּריץ וועסטו אויך ווערן אַזאַ אכזר, ווי ער! גיי, מיין זון, קיין אַמסטערדאַם און לערן תּורה! נאַ׳דיר די קמיע, וואָס דו האָסט פאַרלאָרן אין וואַלד... קער זיך אום, מיין זון, קער זיך אום...״ און עס טראָגט אים שוין ווידער אין דער לופטן...

מיין קליין ברודערל, סענדערל, האָט זיך פלוצים אויפ־

געכאַפּט מיט אַ געוויין, און די מאַמע האָט גענומען אים איינשטילן. ברײנדל איז אַנטדרימלט געוואָרן אָט אַזוי ווי זי איז געזעסן מיטן זאָק אין איין האַנט און מיטן קנויל באַוול אין דער צווייטער. שרהקען האָט די מאַמע אַרײנגעלייגט אין בעטל אַרײן...

דער נאַפט אין לעמפּל גייט אויס און דאָס לעמפּל קוים וואָס עס צאַנקט... שוואַרצע שאָטנס צעשפּרייטן זיך איבער דער שטוב—און די גאַנצע שטוב ווערט פול מיט אומעטיקייט. עס שוועבט אַרום עפּעס מוראדיקס, שרעקלעכס. און מיר דאַכט, אַז עס האַלטן נאָך מלחמה דער ייד מיטן פּריץ, זיי שלעפּן יעדער איינציקער צו זיך דאָס ייִנגל...

טרערן שטעלן זיך מיר אין די אויגן, די מאַמע גיט אויף מיר אַ קוק און זאָגט צו מיר:

— חפני, לייג זיך שלאָפן.

— נו, מאַמע, און וואָס איז געוואָרן מיטן ייִנגל?

— ניין, ס'אַ לאַנגע מעשה... דאָס ייִנגל איז געבליבן אַ כשרער ייד...

איך האָב מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אָפּגעלייענט קריאת-שמע, אַ קוש געגעבן די מזוזה, און ליגנדיק אין בעט האָב איך נאָך אַלץ געטראַכט וועגן ייִנגל.

